**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו אנגרייטן זייערע הויזגעזינדער פאר שווערע וועטער דורכאויס 'שווערע וועטער אויפמערקזאמקייט וואך'**

***שווערע וועטער אויפמערקזאמקייט וואך לויפט ביז אפריל 27***

***מער פון 380,000 ניו יארקער האבן באקומען עמערדזשענסי און קאטאסטראפע גרייטקייט טרענירונג דורך ניו יארק'ס 'בירגער גרייטקייט איינהייט'***

***טרעפט א ניו יארק סטעיט בירגער גרייטקייט איינהייט טרענירונג נעבן אייך [דא]()***

***שרייבט זיך איין פאר [NY-Alert](), די סטעיט'ס אומזיסטע עמערדזשענסי אלערט סיסטעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון 'שווערע וועטער אויפמערקזאמקייט וואך' אין ניו יארק סטעיט, און זי מוטיגט ניו יארקער צו אונטערנעמען שריט זיך צו אנגרייטן און צו אנגרייטן זייערע הויזגעזינדער פאר שווערע וועטער. די גאווערנער האט דערמאנט פאר ניו יארקער אז איינס פון די בעסטע וועגן צו בלייבן גרייט איז דורכן נעמען א ניו יארק סטעיט בירגער גרייטקייט איינהייט קלאס און הערן דירעקט פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט עקספערטן איבער די שריט וואס מענטשן און פאמיליעס זאלן נעמען צו בלייבן זיכער דורכאויס שווערע וועטער. ניו יארקער זאלן זיך איינשרייבן פאר [NY-Alert](), די סטעיט'ס אומזיסטע עמערדזשענסי אלערט סיסטעם, צו באקומען וועטער און אנדערע צייטליכע עמערדזשענסי אלערטס.

"מיר האפן פאר די בעסטע אבער מיר גרייטן זיך פאר די ערגסטע, און 'שווערע וועטער אויפמערקזאמקייט וואך' שיינט א ליכט אויף ווי וויכטיג די גרייטונג איז", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך מוטיג אלע ניו יארקער צו איבערקוקן די זיכערהייט עצות און זיי נאכפאלגן ווי נאענט מעגליך. זיין אינפארמירט איז די וויכטיגסטע זאך ווען עס קומט צו ראטעווען לעבנס."

די ניו יארק סטעיט בירגער גרייטקייט איינהייט (Citizen Preparedness Corps, CPC) – אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) און די ניו יארק נעשענעל גאַרד (DMNA) – איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2014 צו טרענירן ניו יארקע בירגער וויאזוי זיך צו גרייטן פאר עמערדזשענסיס און קאטאסטראפעס און וויאזוי צו רעאגירן באלדיגערהייט צו אומשטענדן וואס געשעהן בעפאר א קאטאסטראפע און זיך ערהוילן נאכדעם ווי שנעלער מעגליך. אומגעפער 388,000 ניו יארקער האבן גענומען CPC טרענירונג אין קאמיוניטי פלעצער אריבער די סטעיט זינט 2014.

דורכאויס א CPC טרענירונג, לערנען די באטייליגטע איבער די פיר שריט צו גרייטקייט וואס יעדער ניו יארקער דארף וויסן און ארבעטן צו פארענדיגן בעפאר די קומענדיגע קאטאסטראפע קומט אן:

1. **מאכט א פלאן** פאר זיך און אייער פאמיליע אינדערהיים, אין סקול, ביי די ארבעט און אינדרויסן. מאכט זיך אפ א זיכערע פלאץ וואו איר וועט זוכן שוץ, און זייט באקאנט מיט וועלכע שריט מען דארף אונטערנעמען ווען א ווארענונג ווערט ארויסגעגעבן. טראכט איבער אייערע שטוב חיות ביים פלאנירן פאר אן עמערדזשענסי.
2. **שטעלט צוזאם א קיט** פון עמערדזשענסי סופלייס גענוג פאר צום וויניגסטנס 10 טעג. לייגט אריין פלעשלייטס, א וועטער ראדיאו און איבעריגע באטעריעס. איר זאלט האבן איין קיט פאר אינדערהיים און איינס פאר אייער קאר. פלאנירט פון פאראויס איבער סיי וועלכע מעדיצינישע באדערפענישן וואס אייער פאמיליע דארף מעגליך האבן. האלט מיט זיך עמערדזשענסי סופלייס פאר שטוב חיות.
3. **הערט זיך איין** צו טעלעוויזיע און ראדיאו סטאנציעס וועלכע שפילן אויף 'עמערדזשענסי אלערט סיסטעם' (Emergency Alert System, EAS) מעסעדזשעס און פאלגט אויס לאקאלע עמערדזשענסי ארדערס ווען זיי ווערן ארויסגעגעבן. באקומט עמערדזשענסי אינפארמאציע דירעקט צו אייער קאמפיוטער אדער סעלפאון דורכן זיך איינשרייבן פאר NY Alert אויף alert.ny.gov, אן אומזיסטע סערוויס וואס גיבט אייך קריטיש-וויכטיגע עמערדזשענסי אינפארמאציע ווען איר דארפט עס די מערסטע.
4. **באזוכט אייער לאקאלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אפיס** צו לערנען מער איבער וויאזוי צו באשיצן אייך און אייער פאמיליע. נעמט אין באטראכט צו וואלונטירן מיט ארגאניזאציעס ווי די אמעריקאנע רויטע קרייץ, New York Cares אדער מיט Salvation Army.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "איך האף אז ניו יארקער נעמען א מאמענט דורכאויס די וואך צו מאכן א פלאן צו באשיצן זייער פאמיליע אין פאל פון שווערע וועטער. עס איז א גוטע דערמאנונג אז ניו יארק גייט אריבער פארפלייצונגען און טארנאדאס, אפטמאל מער אין פרילינג און זומער, און ניו יארקער זאלן אכט גיבן און בלייבן וואכזאם."

אין 2023 זענען פארפלייצונגען פון שווערע רעגנס געווען די אפטסטע וועטער קאטאסטראפע אין ניו יארק סטעיט. אום יולי 9, 2023 שווערע גאסן פון רעגן פון שטייט-באוועגנדע דונערן שטורעמעס אנגעברענגט ביז אזויפיל ווי ניין אינטשעס פון רעגן צו חלקים פון דעם מיד-האדסאן ראיאן און ניו יארק סיטי אין א צייט אפשניט פון דריי שעה, און נאך 3 ביז 5 אינטשעס פון רעגן אין יולי 13 און 14. אין באזונדערע פעלער לעצטער זומער, האבן אן אויסברוך פון שטורעמעס אין אנהויב אוגוסט אין צענטראל ניו יארק געפירט צו זיבן טארנאדאס זיך צו אנהייבן אין בלויז עטליכע שעה'ן.

אזוי ווי עקסטרעמע וועטער פון די סארט ווערן אפטער, זעצט ניו יארק סטעיט פאר צו ארבעטן האנט ביי האנט מיט קריטישע שותפים, נישט נאר צו נאכפאלגן וועטער נייגונגען פון די נאענט, נאר אויך צו העלפן באשיצן קאמיוניטיס און אינפראסטרוקטור קעגן די ווירקונגען פון צוקונפטיגע שטורעמעס און אנדערע עקסטרעמע וועטער געשעענישן.

אין דעצעמבער פון 2023 האט גאווערנער האקול אנאנסירט די עפענונג פון ניו יארק'ס "סטעיט וועטער ריזיקע קאמוניקאציע צענטער" (State Weather Risk Communication Center, SWRCC) אין די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אין אלבאני. די צענטער איז א צוזאמענארבעטנדע אפעראציע – די ערשטע פון די סארט – צווישן אוניווערסיטעט פארשער און סטעיט עמערדזשענסי מענעדזשמענט אויטאריטעטן און דינט אלס א זאמלונג צענטער פאר קריטישע וועטער אינפארמאציע. עס ארבעט אויך צו אנטוויקלען כלים צו העלפן עמערדזשענסי מענעדזשמענט אויטאריטעטן צו מאכן קלוגע באשלוסן צו

העלפן באשיצן קאמיוניטיס, און עס קוקט איבער וויאזוי דאס אויפקלערן די פובליקום איבער עקסטרעמע וועטער סכנות קען פארבעסערט ווערן.

**SWRCC דירעקטאר, ניק בעסיל, PhD, האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט וועטער ריזיקע קאמוניקאציע צענטער איז שטאלץ צו ביישטייערן צו די מיסיע פון אונזערע עמערדזשענסי מענעדזשמענט שותפים אין די סטעיט דורכן שאפן נייע וועטער כלים און קאמוניקאציע סטראטעגיעס. די כלים נוצן אויס א רייכטום פון ציפערן איבער די וועטער וואס זענען אייגנארטיג צו ניו יארק, ווי צום ביישפיל די NYS Mesonet נעטווארק, אין צוגאב צו ציפערן פון לאקאלע אינפראסטרוקטור צו אנווייזן בשעת מעשה אויף די פונקטליכע לאקאציעס וואס וועלן ווארשיינליך באקומען פארפלייצונגען. דורכאויס די שווערע וועטער סעזאן, וועלן מיר ארבעטן פון די נאענט מיט אונזערע עמערדזשענסי מענעדזשמענט שותפים צו פארבעסערן די צוגרייטונג און אפרופונג צו שעדליכע וועטער געשעענישן."

**ניו יארק סטעיט ארבעט אויך פון די נאענט מיט די נאציאנאלע וועטער סערוויס** ( National Weather Service, NWS) וואס גיבט אינפארמאציע איבער וועטער, וואסער און קלימאט, וועטער פארשאצונגען, ווארענונגען און אנדערע שטיצע סערוויסעס צו העלפן היטן אויף לעבן און פארמעגן אין ניו יארק סטעיט און אריבער דאס לאנד. די NWS אלבאני פארשאצונג אפיס (Albany Forecast Office) איז די הויפט אפיס פאר ניו יארק סטעיט מיט נאך שטיצנדע אפיסעס אין באפעלאו, בינגעהעמטאן, אַפּטאן און בוירלינגטאן, ווערמאנט.

**NWS וועטער עקספערט, קריסטאפער גיטראָו, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט באקומט אלע סארטן שווערע וועטער וואס ווערן פאראורזאכט דורך דונערן שטורעמעס, פון שטארקע ווינטן ביז גרויסע האגל און פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען און פון מאל צו מאל א טארנאדא. געדענקט, עס איז נישטא קיין זיכערע פלאץ אינדרויסן ווען דונערן שטורעמעס זענען אין די געגנט. אויב איר קענט הערן דונערן, דאן קענט איר באטראפן ווערן דורך א בליץ. זייט וואכזאם פאר די מעגליכקייט פון דונערן שטורעמעס און שווערע וועטער דורכן נאכפאלגן די לעצטע פארשאצונגען און אויסקוק פון סכנות'דיגע וועטער אויף [www.weather.gov](http://www.weather.gov)."

די ניו יארק סטעיט אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט און איר וואטש צענטער (Watch Center) זענען פול מיט איינגעשטעלטע ארום דעם גאנצן יאר צו האלטן אן אויג אויף וועטער און אנדערע עמערדזשענסי אדער קאטאסטראפע-פארבינדענע געשעענישן אריבער די סטעיט. זיי ארבעטן מיט לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע רעגירונג קערפערשאפטן, אריינרעכענענדיג די NWS און SWRCC, צו גיבן קראנטע און צייטליכע אינפארמאציע פאר עמערדזשענסי מאנשאפטן און פאר די פובליקום איבער פאטענציאלע שווערע וועטער און וויאזוי זיך צו גרייטן.

**<u>שווערע וועטער זיכערהייט עצות</u>**

**פלוצימדיגע פארפלייצונגען**

- פרובירט נישט קיינמאל צו דרייוו'ען אויף א פארפלייצטע ראוד. דרייט זיך אום און נעמט אן אנדערע וועג.
- אויב וואסער הייבט אן גיך זיך הייבן ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
- שאצט נישט אונטער די כוח פון גיך-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס ציט זיך בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפוואשן קאר פון א ראוד אדער בריק.

## דונערן שטורעם

- ווייסט די חילוק צווישן א 'וואטש' און א ווארענונג: א וואטש מיינט אז שטורעמעס זענען מעגליך, אבער א ווארענונג מיינט אז א שווערע שטורעם איז געזעהן געווארן און איז ערוואַרטעט זיך אריבערצורוקן אייער געגנט אין די נאענטע צייט.
- אויב איר קענט הערן דונערן, זענט איר גענוג נאענט צו די שטורעם צו באטראפן ווערן דורך א בליץ. גייט צו א זיכערע שוץ ארט אויף א באלדיגן פארנעם, ווי צום ביישפיל א פעסטע געביידע. אויב עס איז נישטא א פעסטע שוץ ארט וואו צו גיין, דאן גייט אריין אין א קאר מיט א הארטע דאך און האלט די פענסטער פארמאכט.
- גייט ארויס פון שיפן און אוועק פון די וואסער.
- טעלעפאן דראטן און מעטאלענע רערן קענען אריבערפירן עלעקטריציטעט. פלאג׳ט אויס עפלייענסעס וואס זענען נישט נייטיג אויף צו באקומען וועטער אינפארמאציע. פארמיידט דאס באניץ פון דעם טעלעפאן אדער אנדערע עלעקטרישע עפלייענסעס. נוצט טעלעפאנען נאר אין פאל פון עמערדזשענסי.
- נעמט נישט א באדע אדער שויער.
- לעשט אויס עיר קאנדישאנערס — פלוצלינגדיגע העכערונגען אין עלעקטריציטעט פון בליצן קענען איבערשטרענגען קאמפרעסארס.
- גייט צו א העכערע פלאץ אויב א פלוצלינגדיגע פארפלייצונג אדער פארפלייצונגען זענען מעגליך.
- פרובירט נישט צו דרייוון צו זיכערהייט — רוב טויטפעלער פון פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען קומען פאר אין קארן.
- אויב איר זענט אינדרויסן, טרעפט א נידעריגע פלאץ אוועק פון ביימער, צוימען און זיילן.
- אויב איר זענט צווישן ביימער, נעמט שוץ אונטער נידעריגע ביימער.
- אויב פילט איר ווי אייער הויט קיצלט אדער אייער האר שטעלט זיך אויף, דאן בייגט זיך אראפ, מיט די קניען איינגעבויגן, שטייענדיג אויף די פאדערשטע חלק פון אייערע פיס; לייגט אייערע הענט אויף אייערע קניען מיט אייער קאפ צווישן די הענט; מאכן אייך פאר די קלענסטע ציהל וואס איז מעגליך; און לאזט ווי וויניגער פון אייער קערפער קומען אין בארירונג מיט די ערד.

## בליצן

- פאלגט נאך דער 30-30 כלל: אויב דער צייט צווישן ווען איר זעט א בליץ און הערט ווי עס דונערט איז אונטער 30 סעקונדעס, איז דער בליץ גענוג נאענט אייך צו דערכאפן. זוכט אויס א שוץ-ארט זאפארט. נאך דער לעצטער בליץ, ווארטס אפ 30 מינוט בעפאר איר פארלאזט אייער שוץ-ארט.
- בליצן שטויסן אן צום ערשט דאס וואס שטייט דאס מערסטע אין די הייעך. אויב איר זענט העכער די שפיץ הויעכקייט פון ביימער, גייט זאפארט ארונטער און לייגט זיך אראפ איינגעבויגענערהייט אויב איר זענט אין אן אפענעם שטח.
- אויב איר קענט נישט אנקומען צו א שוץ-ארט, שטייט אוועק פון ביימער. אויב עס איז נישט דא קיין ארט וואו זיך צו באשיצן, זעצט אייך אראפ טיף איינגעבויגן, און שטייטס ווייט פון א בוים טאפלט די מאס פון איר הייעך.

## טארנאדא

- אויב איר געפונט זיך אינדרויסן און א טארנאדא ווארענונג ווערט ארויסגעגעבן, זוכט זאפארט א שעלטער. אויב עס איז נישטא קיין שעלטער נעבן אייך, לייגט זיך אויס פלאך אין א גרוב אדער אין א נידעריגע פלאץ מיט אייערע הענט באשיצנדיג אייער קאפ.
- אויב איר זענט אינדערהיים אדער אין א קליינע געביידע, גייט אראפ אין די בעיסמענט אדער צו אן אינעווייניסטע צימער אויף די אונטערשטע שטאק פון די געביידע. שטייטס ווייט פון פענצטער, קלאזעטס, באדצימערן און אנדערע אינערליכע צימער באטן אן די בעסטע באשיצונג. לייגט אייך אונטער א שטארקע שטיקל מעבל אדער דעקט אייך איבער מיט א מאטראץ.
- אויב זענט איר אין א סקול, שפיטאל אדער שאַפינג צענטער, גייט צו א דעזיגנירטע שעלטער. שטייט ווייט פון גרויסע אפענע ערטער און פון פענצטערץ. גייט נישט ארויס אינדרויסן צו אייער קאר.
- אויב זענט איר אין א הויך-שטאקיגער געביידע, גייט צו אן אינעווייניגסטע קליינע צימער אדער קארידאר אויף די נידעריגסטע שטאק מעגליך. נוצט נישט קיין עלעוועיטערס — נוצט נאר די טרעפ.

**סופלייס פאר א קאטאסטראפע**

האלט סופלייס פאר א קאטאסטראפע ביים האנט, אריינרעכענענדיג:

- פלעשלייטס און עקסטערע בעטעריס
- בעטערי־באקרעפטיגטע ראדיא און עקסטערע בעטעריס
- ערשטע הילף פעקל און אנווייזונגען
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער
- נישט עלעקטרישער קען עפענער
- נויטיגע מעדיצינען
- טשעקבוק, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

פאר מער אינפארמאציע איבער פערזענליכע גרייטקייט און איבער וויאזוי צו בלייבן זיכער דורכאויס שווערע וועטער, באזוכט: https://www.dhses.gov/safety. פאַלאָוט @NYSDHSES אויף אירע סאָושעל מידיע פלאטפארמעס, אריינרעכענענדיג X, Facebook און Instagram.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן